יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' ◆ בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

# טיב הקהילה

דער בלעטל אויף אידיש

פרשת בראשית
כ"ט תשרי
תשפ"ז

רז
שנה ה'

שבת מברכים חשון | ר"ח יום ראשון-שני | המולד יום ראשון 9:43 | 2 חלק'

## טיב המערכת

## חַיִּים שֶׁל בְּרָכָה

עס ווערט דערציילט אויף דער הייליגער רבי אהרן הגדול פון קארלין זיע"א, אז איינמאל האט ער געגעסן אַן עפל, און איינער פון די חסידים, זעענדיג ווי דער רבי מאכט די ברכה 'בורא פרי העץ' און ער עסט דער עפל, האט ער געטראכט צו זיך 'וואס איז דען דער אונטערשייד צווישן מיר און דער רבי, ווייל אויך איך עס אן עפל און מאך א ברכה דערויף'.

האט דער רבי מרגיש געווען אין די מחשבה פונעם חסיד, און ער האט זיך געווענדן צו אים מיט א פראגע: זאג נאר, וואס איז טאקע דער אונטערשייד צווישן מיר און דיר, איך מאך די ברכה בורא פרי העץ און איך עס אן עפל, און דו מאכסט אויך די ברכה און דו עסט אן עפל?

און גלייך האט דער רבי אליין פארענטפערט זיין פראגע: איך גיי ארויס אינדערפרי, נאכדעם וואס מען האט געדאוונט אין בית המדרש, און איך קוק זיך ארום אין דער הערליכער וועלט וואס דער אויבערשטער האט באשאפן פאר אונז, און איך זע אן עפל בוים וואס פארמאגט שיינע פירות, ווען אויף יעדן איינס איז דא א מלאך וואס זאגט אים 'גְּדַל', און איך ווער אנגעפולט מיט באגייסטערונג אויף די פילע גוטס וואס דער אויבערשטער טוט מיט אונז, ביז מיין זעל גלוסט צו בענטשן השי"ת, אבער וויבאלד עס איז אסור צו מאכן א ברכה לבטלה, דעריבער נעם איך אן עפל און איך מאך א ברכה דערויף.

און דער רבי האט ווייטער געזאגט: אויך דו נעמסט אן עפל און דו מאכסט א ברכה דערויף, עס איז אבער דא א קליינעם אונטערשייד, אז דו גייסט אויך אין בית המדרש צו דאווענען שחרית און דו גייסט דורך דעם עפל־בוים, און פונדערווייטנס זעסטו שוין אז עס זענען דא דערויף גרויסע און שיינע עפל, און אוודאי האסטו חשק צו פארזוכן פון די געשמאקע עפל, אבער דו ווייסט דאך אז עס איז אסור צו עסן פארן דאווענען, דעריבער האלטסטו דיך איין און דו גייסט אין שול דאווענען, אבער גלייך נאכן דאווענען איילסטו דיך צו גיין אין מארק און דו קויפסט עפל און דו איילסט דיך אהיים און דו ווילסט שוין עסן דעם עפל, נאר אין דער לעצטער רגע דערמאנסטו דיך: איך בין דאך א איד, און וויאזוי איז מעגליך אז איך זאל עסן אן קיין ברכה, און דעמאלטס מאכסטו די ברכה 'בורא פרי העץ' און דו עסט דעם עפל, אויב אזוי קומט אויס אז דער אונטערשייד איז אז איך עס כדי איך זאל קענען מאכן די ברכה, און דו מאכסט א ברכה כדי דו זאלסט קענען עסן'!

מיר שטייען יעצט אום שבת מברכים פון חודש חשון, וואס דאס איז אויך די ערשטע שבת נאך די ימים טובים, ווען מיר האבן מתפלל געווען און געבעטן פון השי"ת אז ער זאל אונז געבן לעבן, און אוודאי האט זיך יעדער איינער גענומען אויף זיך גוטע קבלות, און יעצט איז דער צייט צו שטיין אין די אלע קבלות וואס מען האט זיך מקבל געווען.

איז איינס פון די זאכן וואס עס איז גוט זיך אונטערצונעמען דורכאויס די יאר איז צו אכטונג געבן אין די ברכות הנהנין, וואס כידוע איז דאס איינס פון די זאכן וואס נאטורליך איז עס א בחינה פון 'אָדָם דָּשׁ בַּעֲקֵבָיו', און די עסן וואס קומט אריין אונזער מויל שפייזט דער גוף, און דורכדעם וואס מען מאכט א ברכה דערויף שפייזט עס אויך די נשמה, און דורכדעם וואס מיר וועלן אכטונג געבן אין די ברכות ווייזן מיר אז דאס וואס מיר האבן געבעטן לעבן פון הקב"ה איז נישט כדי צו עסן עפל, נאר מיר האבן געבעטן עפל כדי מיר זאלן קענען מאכן א ברכה דערויף, און דאס איז שוין א גרויסער אונטערשייד!

## טיב הפרשה

## ביום אכלך ממנו מות תמות

### דער רמז אין דער חטא העץ הדעת

אין די וואכענדיגע פרשה דערציילט אונז די תוה"ק איבער די בריאת העולם און שפעטער איבער די חטא פון אדם הראשון.

אין די ערשטע רש"י ווערט אויסגעשמועסט דער צוועק פון די ערציילונג און אז בעצם וואלט זיך די תוה"ק געקענט אנהייבן מיט די ערשטע מצוה פון 'החודש הזה לכם', אבער די תוה"ק גלוסט אז דער איד זאל וויסן די השתלשלות הבריאה צוליב 'כח מעשיו הגיד לעמו'.

ווען מען איז זיך מתבונן אין די טעם פארוואס די תוה"ק איז מגלה די גאנצע סדר הבריאה פארשטייט מען נישט פארוואס פעלט זיך אויס אז די תוה"ק זאל דערציילן די חטא פון אדם הראשון? וועלכער זאך געבט עס צו אז מ'לערנט די חטא פון אדם הראשון.

גייענדיג מיט אונזער כלל אז יעדער ווארט אין די תוה"ק איז אויסגערעכענט און אז קיין שום זאך שטייט נישט סתם אזוי און אז יעדער זאך האט אין זיך א לימוד, האב איך געטראכט בדרך אפשר א דערהער וואס די תוה"ק וויל אז מ'זאל לערנען דערוועגן.

ערשטענס איז פשוט אז מיר זענען צי קליין צו קענען משיג זיין די חטא און מיר האבן נישט קיין שום השגה וואס עס האט זיך דארט אפגעשפילט.

דער זוה"ק זאגט אז רבי שמעון בר יוחאי האט געוואלט מגלה זיין וואס איז געווען די חטא פון אדם הראשון, אבער אדם הראשון האט זיך באוויזן צו אים און אים געבעטן ער זאל עס נישט מגלה זיין.

מיר וועלן דא נישט מסביר זיין די חטא און די סיבה דערצו, אבער מיר וועלן יא איבערזאגן א געדאנק בנוגע די חטא.

בדרך אפשר קען זיין אז די תוה"ק דערציילט די חטא און איז מאריך אין דעם וועלענדיג אז דער פשוט'ער איד זאל קענען ארויסנעמען פון איר א חיזוק אויף לדורות.

מיר ווייסן אז יעדער חטא האט אין זיך דער 'עצם' חטא און אויך די 'נאכווייען' פון די 'חטא' וועלכע זענען צומאל ערגער ווי די חטא אליין. די הייליגע צדיקים האבן מגלה געווען אז אסאך מאל איז דער יצר מכשיל א איד מיט א חטא נישט ווייל ער וויל די חטא, נאר ווייל ער וויל די נאכווייען פון די חטא.

בדרך העולם איז אז ווי גרעסער דער מענטש וועט זיין אלץ שווערער וועט אים זיין משלים צו זיין מיט דער עצם זאך אז ער איז באגאנגען א חטא. די עצבות פון 'נאך' די חטא איז אזוי שטארק אז עס האט אין זיך די פאטענציאל אראפצושלעפן דעם מענטש ביז שאול תחתיות, נאך מער ווי די עצם עבירה אליין.

אז דער מענטש זאל האבן פאר זיינע אויגן א ביישפיל און זען פארזיך ווי אזוי מ'קען תשובה טון און ווייטער אנגיין מיט עבודת ה' און זיך אויפהייבן אויך נאכדעם וואס ער איז דורכגעפאלן, האט די תוה"ק אנגעהויבן די חומש מיט דער ביישפיל פון אדם הראשון אז מ'זאל זען פון איר אז דער

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320



יו"ד הועדה הרוחנית: הרב יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

ערשטער מענטש איז שוין דורכגעפאלן און אז מ׳קען זיך אויפהייבן פון איר.

נאך א זאך וואס די פרשה לערנט אונז אויס איז די גרויסקייט פון תשובה און ווי שטארק איר כח איז איינמאל מ׳טוט תשובה. ווען הקב״ה האט מזהיר געווען אדם הראשון [ב, יז] ער זאל נישט עסן פון די עץ הדעת האט ער אים געזאגט ׳כי ביום אכלך ממנו מות תמות׳, אז אין דעם טאג וואס דו וועסט עסן פון דעם וועסטו שטארבן, אבער למעשה זעט מען אז אדם הראשון האט געלעבט 930 יאר.

די תשובה אויף דעם איז מען מיישב אז ביום אכלך ממנו מות תמות מיינט יומו של הקב״ה און יומו של הקב״ה איז טויזנט יאר, אבער אין זוה״ק טרעפן מיר אן אנדערע מהלך ווי אזוי מען איז מיישב די קשיא.

דער זוה״ק זאגט אז ׳יומו׳ מיינט דער זעלבער טאג, ווי דער טאג פון א מענטש, און אז אדם הראשון וואלט באמת געדארפט שטארבן יענעם טאג, נאר ווייל ער האט תשובה געטון האט הקב״ה ממתיק געווען דינו.

די תשובה פון אדם הראשון האט ממתיק געווען זיין דין און גורם געווען אז דער ׳פשט׳ זאל ווערן איבערגעדרייט אויף א דערהער.

דער זוה״ק פירט אויס אז פון דעם לערנט מען ארויס די גרויסע כח וואס תשובה האט און אז זי פועל׳ט אזויפיל אז זי קען טוישן דער גאנצער גזר דין פון א איד מקצה אל הקצה.

מענין לענין ווערט באטאנט אז די זעלבע זאך געשעט אויך ווען א איד פארזינדיגט זיך פאר דעם בית דין של מטה און די בית דין של מטה האט אים געטראפן חייב מיתה. אין אזא פאל אויב דער איד טוט תשובה וועט מען פון הימל צופירן אז איינער פון די עדות זאל נישט שטימען מיט די צווייטע עדות און אז די גזר דין זאל ווערן בטל, ווייל די כח פון תשובה איז אזוי שטארק, אז עס קען מבטל זיין יעדע שלעכטס אין די וועלט.

דער זוה״ק ברענגט אז די זעלבע זאך טרעפט מען אויך ביי קין נאכ׳ן אומברענגען הבל. נאך דעם וואס ער האט אומגעברענגט הבל האט אים הקב״ה געגעבן די קללה פון ׳נע ונד תהיה בארץ׳, אבער ווען מ׳קוקט שפעטער אין די תורה זעט מען אז דער ׳נד׳ איז מקויים געווארן אבער דער ׳נע׳ נישט, ווי עס שטייט אין פסוק ׳וישב בארץ נוד׳, און דאס איז מהאי טעמא אז קין האט תשובה געטון און די תשובה האט ממתיק געווען די עונש ער זאל נישט נענש ווערן אזוי שטארק מן השמים.

היוצא לנו מכל זה דער גרויסער כח פון תשובה און ווי שטארק ער איז און אז זי האט בכח צו מבטל זיין די שווערסטע און די גרעסטע גזירות וואס ליגט אויף א איד.

דער דערהער איבער די כח התשובה און איר גרויסקייט און חשיבות און אז מ׳זאל נישט ווערן געפאלן ביי זיך, האט די תוה״ק געוואלט אז א איד זאל וויסן, און וועגן דעם עס געלאזט הערן אז מ׳זאל עס וויסן און זיך דערלערנען פון איר און האבן די שטארקקייט און די שכל הישר נישט צו ווערן געפאלן ביי זיך - אויך נאך דעם וואס מ׳האט זיך ח״ו פארזינדיגט פאר הקב״ה.

זאל השי״ת העלפן אז מ׳זאל זיך קענען האלטן שטארק און נישט דורכפאלן מיט זינד פון אנהייב אן, און אז מ׳זאל אויך האבן די כח זיך אויפצוהייבן און תשובה טון לקל חי.

טיב ההשגחה

# מעשיות אויף השגחה פרטית
## געשריבן דורך לייענערס

## זוכר הַנִּשְׁכָּחוֹת

מיט שבח והודיה אויף די הערליכע גליון וועלכער איר געבט ארויס מידי שבוע בשבוע און באזונדער אויף די ווינקל וואו עס ווערן געשילדערט די הערליכע געשיכטעס פון ׳השגחה פרטית׳.

היינט וויל איך מיטטיילן מיין געשיכטע, עס איז צוויי געשיכטעס וואס האבן פאסירט מיט מיר,ביידע פון זיי געבן ארויס דער געדאנק אז קיין שום זאך אין די וועלט געשעט נישט סתם אזוי, אז אלעס איז אויסגערעכנט.

איידער כ׳שטעל פאָר די מעשה, לאמיר מיטטיילן וואס איך טוה און ווער איך בין.

שוין לאנגע יארן האב איך די זכיה צו זיין א גבאי אין א חשוב׳ער שול אין ירושלים עיה״ק. דער שטייגער דארט איז אז כ׳רוף אויס די עליות און איך מאך די מי שברך׳ס.

מידי שבוע בשבוע ווען כ׳מאך די מי שבירך איז דא א יונגערמאן וואס קומט צו מיר און געבט מיר איבער א צעטיל פון חולי ישראל וועלכע נויטיגן זיך א רפואה שלימה, אז כ׳זאל דערמאנען זייערע נעמען אין די מי שבירך.

דער צעטיל האט אויף זיך צוויי זייטן, אויף איין זייט שטייט די נעמען פון די חולי ישראל, אויף די צווייטע זייט שטייט די נעמען פון די אידן וואס געפינען זיך אין געפענגעניש און ווארטן צו ווערן אויסגעלייזט פון די געפעגעניש.

דער יונגערמאן פירט זיך אז ער געבט מיר די צעטיל און ווען כ׳ענדיג זאגן די נעמען נעמט ער צוריק פון מיר די צעטיל. די וואך האט ער מיר געברענגט די צעטיל אבער ער האט עס נישט צוריקגענומען.

איך האב אים געזוכט נאכ׳ן זאגן די נעמען אבער ער איז נישט געווען צום געפינען. עס האט מיר געבאדערט, איך האב געשפירט אן אחריות פאר די צעטיל, אבער איך האב אים נישט געקענט טרעפן.

מוצאי שבת נאכ׳ן טוישן די בגדי שבת אויף די בגדי חול האב איך מיטגענומען מיט מיר די צעטיל האפענדיג אז כ׳וועל אים טרעפן אינמיטן וואך אבער איך האב אים נישט געקענט טרעפן.

א זונטאג דערויף בין איך געפארן קיין מירון. ארויסקומענדיג פון דער ציון הק׳ קלינגט מען אן א איד פון אויסלאנד און בעט זיך ביי מיר אז כ׳זאל זיך אריבערכאפן צום ציון הק׳ פון דער בת עין אין צפת און איינרייסן פאר זיין ברודער וועלכע דארף אריבערגיין א שווערע משפט.

”בעט פאר אים ער זאל מצליח זיין אין די משפט“.

דער איד האט אפגעזאגט זיינס און די טעלעפאן האט זיך אפגעהאקט.

איך האב באשלאסן צופארן קיין צפת, אבער כ׳האב געטראכט צו מיר, איך האב דאך נישט יענעמ׳ס נאמען, ווי אזוי וועל איך קענען מתפלל זיין פאר אים? אין יענע רגע האב איך זיך דערמאנט פון דער צעטיל וואס ליגט אין מיין טאש.

איך האב איבערגעקוקט די ליסטע און לויט די ערשטע נאמען האב איך דערקענט אז די נאמען פון זיין ברודער איז צווישן זיי. יעצט האב איך פארשטאנען אויף צוריקציוועגס פארוואס עס האט זיך אזוי געפירט אז די צעטיל איז געבליבן ביי מיר.

די צווייטע מעשה האט פאסירט שבת קודש ביי די סעודה. מ׳האט געוואלט געבן צום טיש אייז קרעם, אבער עס האט זיך פארשלעפט. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די אייז קרעם איז געווען צו הארט, מ׳האט עס קוים געקענט שניידן.

עס האט זיך היבש פארשלעפט, אבער ביני לביני איז מיין אייניקל געקומען צו מיר און געוויזן אז אויף די פושקע אייז קרעם שטייט אויפגעשריבן אז זי איז מילכיג.

יעצט האבן מיר אלע געזען אז דער שלעפערישקייט איז געווען לטובה, אז מיר זאלן ניצול ווערן פון א מכשול צו עסן מילכיגע אייז קרעם נאך א פליישיגע סעודה.

(דערציילט דורך דער בעל המעשה: ב.ש.ה.)

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר׳ שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# די הייליגע שבת זאגט עדות אויף בְּרִיאַת שָׁמַיִם וָאָרֶץ

**"וַיְכֻלּוּ הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ, וְכָל צְבָאָם. וַיְכַל אֱלֹקִים בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה, וַיִּשְׁבֹּת בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מִכָּל מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה וגו'"** (ב א-ב)

**די הייליגע גמרא** זאגט אין מסכת **שבת** (קיט:): "כָּל הַמִּתְפַּלֵּל בְּעֶרֶב שַׁבָּת, וְאוֹמֵר 'וַיְכֻלּוּ', מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִלּוּ נַעֲשֶׂה שֻׁתָּף לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית".

איז אייגנטליך דארף מען פארשטיין, וויאזוי קען א מענטש עדות זאגן אויף עפעס וואס ער האט נישט געזען מיט זיינע אויגן, אינדערצייט וואס מיר האבן דאך א הלכה פסוקה וועגן זאגן עדות, אז די עדים דארפן זען די געשעעניש פון אנהייב ביזן סוף, און אויב עס איז נישט אזוי געווען, טוען די דיינים נישט אננעמען זייער עדות.

דעריבער מוזן מיר זאגן אז דאס איז אוודאי יא אן עדות, ווייל ווען די שבת קומט, טוט זי שרייען פון זיך אליין אויף 'בְּרִיאַת שָׁמַיִם וָאָרֶץ', און די אידן זענען זוכה צו אט די געוואלדיגע השגה. און דעריבער האט די תורה געזאגט דווקא ביי שבת קודש, אז אין זעקס טעג האט דער אויבערשטער באשאפן דער וועלט, און אינעם זיבעטן טאג האט ער גערוט און אפגעשטעלט זיין גאנצע ארבעט. ווייל אום שבת זעט מען דאס קלאר, און דאס איז די גאר געוואלדיגע דרגה פון אמונה, און דורכדעם האט מען די מעגליכקייט צו עדות זאגן אויף בְּרִיאַת מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית.

**און דאס איז דער יסוד פון רוען און אפשטעלן אלע ארבעט אום שבת, וואס דאס טראגט מיט זיך א השפעה פון אמונה אין השי"ת. און דאס קומט כדי דער מענטש זאל אריינטראכטן און געדענקען אז דער אויבערשטער פירט דער וועלט, און ער קוקט זיך אום אויף יעדן איינציגן איינצלהייט, און דעריבער זענען מיר באפוילן אז מען זאל אפשטעלן יעדן ארבעט און גענצליך רוען אינעם טאג פון שבת קודש.**

און נאכמער קען מען מוסיף זיין דערויף, אז אינעם טאג פון שבת קודש ווערן מיר כביכול אזוי ווי א ביישפיל צו הקב"ה. און אזוי ווי הקב"ה האט גערוט און אפגעשטעלט אלע זיינע ארבעט אינעם טאג פון שבת, אזוי אויך רוען מיר און מיר שטעלן אפ יעדן ארבעט אום שבת. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ביים בארג סיני (שמות כ, ט-יא): "שֵׁשֶׁת יָמִים תַּעֲבֹד וְעָשִׂיתָ כָּל מְלַאכְתֶּךָ, וְיוֹם הַשְּׁבִיעִי שַׁבָּת לַה' אֱלֹקֶיךָ לֹא תַעֲשֶׂה כָל מְלָאכָה וגו'. כִּי שֵׁשֶׁת יָמִים עָשָׂה ה' אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ אֶת הַיָּם וְאֶת כָּל אֲשֶׁר בָּם וַיָּנַח בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי וגו'".

און לכאורה דארף מען פארשטיין די שייכות, צודען ווייל דער אויבערשטער האט גערוט און אפגעשטעלט די ארבעט אינעם זיבעטן טאג, דארפן מיר אויך רוען און אפשטעלן אונזער ארבעט אין יענעם טאג? נאר מען קען זאגן, אז דאס אלעס קומט מכחד ער שותפות, וואס יעדער איד ווערט כביכול אום שבת א שותף צו הקב"ה אין מעשה בראשית. און כידוע זענען שותפים אלעמאל גלייך אויף גלייך, און דעריבער, אזוי ווי הקב"ה רוט כביכול , דארפן מיר אויך רוען.

***

עס האט מיר דערציילט **הגאון רבי דוד אויערבאך זצ"ל**, ראש ישיבת **שער השמים**, דער ברודער פון **הגאון מרן רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל**, אז איינמאל איז געקומען א איד וועלכער איז געווען פון די גרעסטע עשירים אין **ענגלאנד**, פאר א באזוך אינעם וואוינונג פון **דער מירער ראש ישיבה, הגה"צ רבי אליעזר יהודה פינקל זצ"ל**.

אין יענע צייטן, מיט ארום אכציג יאר צוריק, האט די מירער ישיבה זיך געפינען אין די **'מילנער'ס הייזער'**, איידער עס איז געווען אזא גרויסע ישיבה אזוי ווי עס היינט־צו־טאג.

דער גאסט איז אריינגעקומען אינעם היכל הישיבה, און האט שפאצירט איבער די לענג און ברייט דערפון, זייענדיג פול מיט התפעלות און באגייסטערונג פון די חשוב'ע תלמידים וועלכע זענען געווען גענצליך פארטון אין די הייליגע תורה.

נאכן ענדיגן זיין באזוך אינעם ישיבה זעלבסט, האט דער נגיד געבעטן אז ער וויל באזוכן דעם אָפיס פון די ישיבה, וואו ער האט ארויסגעצויגן פון זיין בערזל א שיינעם טשעקן ביכל, און ער האט גלייך אויסגעשריבן א טשעק פאר די פאנטאסטישע און אומגלויבליכע סומע פון **פינף טויזנט פונט**! טבין ותקילין, וואס אין יענע צייטן איז עס געווען א **הון רב**, כדי מיט די געלט זאל מען קענען קויפן א גרויסן און ברייטן בנין פאר די הייליגע ישיבה.

ווען דער ראש ישיבה דער צדיק האט גענומען דעם טשעק, און געזען די ריזיגע סומע וואס איז דארט געשטאנען, האט ער הארציג באדאנקט דעם חשוב'ן נדיב. ער האט אבער געזאגט, אז איידער ער וועט נעמען פון אים זיין הארציגע און וואונדערליכע ביישטייערונג, דארף ער אים פרעגן איין גאר וויכטיגע פראגע.

ביטע פרעגט! האט דער גביר זיך אנגערופן מיט גרויס חשיבות.

זאג נאר, האט דער ראש ישיבה געפרעגט, צודען ביסטו שומר שבת? צודען ווערט די הייליגע שבת אפגעהיטן אין אלע ריזיגע פאבריקן וואס איר פארמאגט?

דא האט דער נדיב געמוזט ערקלערן, אז כאטש זיין טאטע האט געהאלטן שבת, טוט ער ליידער נישט האלטן שבת קודש!

אויב אזוי, האט דער ראש ישיבה געזאגט, טוט מיר לייד, איך קען אבער בשום אופן נישט נעמען פון אייך אייער הארציגע נדבה! עס איז אוממעגליך צו בויען א הייליגע ישיבה, וואס זאל דינען אלץ וואוינונג פאר די הייליגע תורה און פאר די הייליגע שכינה, פון געלט וואס מען האט מחלל שבת געווען דערפאר!

דער נדיב איז גלייך אויפגעשטאנען פון זיין ארט, און האט פארלאזט דאס פלאץ בְּבֹשֶׁת פָּנִים! קוים ארויסמורמלענדיג פון מויל עפעס א גריס.

א קורצע צייט איז אריבער פון דעמאלטס, און אין א טאג איז דער עושר צוריקגעקומען פאר א באזוך אינעם היכל פון די הייליגע ישיבה, אבער דאסמאל האבן אויך זיינע צוויי ברידער, וועלכע זענען אויך געווען פון די גאר אנגעזעענע עשירים אין ענגלאנד, זיך אנגעשלאסן אין דער באזוך.

נאכדעם וואס זיי זענען אלע שיין אויפגענומען געווארן אין די ישיבה, און זיי האבן זיך ארומגעקוקט צו דער וואונדערליכער סדר פון די תלמידים, האבן זיי זיך אלע געזעצט אינעם אפיס. דארט האט דער עושר דערציילט, אז ביי זיין פריערדיגע באזוך אין די ישיבה, נאכדעם וואס דער ראש ישיבה האט נישט געוואלט אננעמען זיין נדבה צוליב חילול שבת, איז ער געווארן זייער צושטורעמט. ווען ער איז צוריק אהיימגעקומען קיין ענגלאנד, האט ער געמאכט א חשבון הנפש, זעענדיג צו וואספארא נידעריגער מצב ער האט זיך דערזען, אז מען וויל נישט נעמען זיין ביישטייערונג פאר צדקה, וועגן חילול שבת, און ער האט דעריבער באשלאסן אז ער וועט פארבעסערן זיין וועג, און ער וועט אנהייבן היטן שבת מיטן גאנצן הארץ און זעל.

ער האט ווייטער דערציילט, אז וויבאלד ער איז געווען א שותף אין זיינע געשעפטן מיט זיינע צוויי ברידער, איז ער געגאנגען צו זיי און ער האט לאנג גערעדט מיט זיי, דערציילנדיג זיי איבערדעם וואס דער ראש ישיבה האט נישט געוואלט אננעמען זיין ריזיגע שטיצע פאר די הייליגע ישיבה צוליב זיין חילול שבת, און נאך לאנגע בעטענישן, האבן זיינע ברידער צוגעשטימט צו אנהייבן האלטן שבת, און זיי האבן אלע דריי אנגעהויבן היטן דעם הייליגן שבת, און יעצט איז שוין א לענגערע תקופה וואס זיי האלטן שוין שבת, סיי ביי זיי אינדערהיים און סיי ביי די געשעפטן. - און דעריבער זענען זיי יעצט צוריקגעקומען כדי צו געבן זייער הארציגע נדבה פאר די ישיבה, פון כשר'ע געלט, אויף וועלכע מען איז חלילה נישט מחלל שבת!

יעצט האט יעדער איינער פון די דריי ברידער ארויסגענומען פון זייער קעשענע זייער טשעקן ביכלעך, און יעדער איינער פון זיי האט אויסגעשריבן א טשעק פאר די סומע פון **פינף טויזנט פונט!** טבין ותקילין.

און אזוי איז אויסגעקומען אז אין זכות פון די ברכה פון שבת קודש איז די שטיצע דרייפאכיג געשטיגן, אנקומענדיג צו די סומע פון **פופצן טויזנט פונט!!!**

מיט אט די ריזיגע סומע איז געבויט געווארן דאס מערהייט פונעם גרויסן בנין הישיבה, וואס געפינט זיך ביזן היינטיגן טאג אינעם 'בית ישראל' געגנט אין ירושלים עיר הקודש, און דינט אלץ ריזיגער תורה פעסטונג פאר טויזנטער תלמידים!

***

עס איז אמאל געווען א איד וועלכער איז לא עלינו געווען קינדערלאז, און ער פלעגט זיך שטענדיג בעטן ביי זיין רבי'ן, אז ער וויל געהאלפן ווערן מיט קינדער. איינמאל, ווען עס איז געווען א ספעציעלער עת רצון, האט אים זיין רבי אנטפלעקט אז ער וועט קענען ממשיך זיין די ישועה וואס ער וויל, דורכן באקומען א הייליגע ברכה פון א איד וואס איז באוואוסט ביי יעדן איינעם מיטן טיטל **"א שווארצער וואלף"**! וועלכער וואוינט אין די און די שטאט.

האט דער איד געפרעגט: און וואס וועל איך טון, אויב דער 'שווארצער וואלף' וועט נישט מסכים זיין מיר צו בענטשן?

אויב וועט ער נישט מסכים זיין דיר צו בענטשן, האט דער רבי געענטפערט, דעמאלטס זאלסטוווארטן ביז דער צייט פון "שלש סעודות" אום שבת קודש, און דעמאלטס וועט ער דיר אוודאי געבן זיין ברכה! - האט דער רבי געזאגט, אן צו ערקלערן...

איז דער איד אויפגעשטאנען, מיט גרויס האפענונג און אמונה, און ער איז געפארן צו יענע שטאט, וואו ער האט זיך גענומען זוכן א איד וואס מען רופט אים 'א שווארצער וואלף', צום ערשט האט ער קיינעם נישט געטראפן וואס האט געקענט א איד וועמען מען רופט אזוי. אבער נאכן שטארק זוכן, האט ער געטראפן א איד ביים עק פונעם שטאט, וועלכער האט טאקע געקענט יענער 'שווארצער וואלף', און ער האט אים אויך געוויזן וואו יענער איד וואוינט. דער הויז איז נישט געווען עפעס אנדערש ווי א האלב־איינגעפאלענע הייזקע וואס איז געשטאנען ביים עק שטאט.

דער איד איז גלייך געלאפן צו יענער הויז, און ווען דער בעל הבית איז ארויסגעקומען צו אים און אים געפרעגט וואס ער וויל, האט ער דערציילט אז ער איז אהערגעקומען אים צו בעטן א ברכה אז ער זאל געהאלפן ווערן מיט זרע של קיימא, וויבאלד ער איז שוין קינדערלאז פאר לאנגע יארן, לא עלינו!

ווען דער בעל הבית האט דאס געהערט, האט ער זיך שטארק צולאכט: פון די גאנצע שטאט האסטו נישט געטראפן קיינעם פון וועמען צו טרייבן שפּאַס, נאר פון מיר! בין איך דען א מענטש וועלכער טיילט ברכות? פון ווען אָן בין איך געווארן א טיילער פון ברכות? און מיט די ווערטער האט ער אים פארטריבן פון זיך.

אויך אויף דעם איז דער איד געווען גרייט... ער האט געדולדיג געווארט דארט אין שטאט ביז עס וועט ווערן שבת קודש, און ווען עס איז געווארן נאנט צו שבת קודש איז ער נאכאמאל געקומען צו יענעם קליינעם הייזקע, און ער האט געבעטן אויב ער קען דארט איינשטיין פאר שבת קודש!

דער בעל הבית האט זיך אבער שטארק איינגע'עקש'נט, ערקלערנדיג אז דאס הויז איז זייער קליין, און עס




איז נישטא קיין שום מעגליכקייט אויפצונעמען געסט ביי זיי אינדערהיים!

נאך לאנגע בעטענישן האט דער בעל הבית מסכים געווען אז דער גאסט זאל זיך אויפהאלטן אינעם דרויסנדיג מאגאזין [מחסן] וואס איז געווען נעבן דער הויז, און דארט וועט מען אים ברענגען די שבת'דיגע סעודות צו עסן...

פון זיין ארט אינעם מאגאזין, האט דער איד נאכגעקוקט דער בעל הבית דורכאויס דעם גאנצן שבת, ווענדיג זען וויאזוי ער פירט זיך, און צו קענען פארשטיין פארוואס זיין רבי האט אים דווקא געשיקט צו אים אז ער זאל אים געבן זיין ברכה.

עס איז אים אבער נישט געלונגען, וויבאלד ער האט דארט גארנישט געזען עפעס ספעציעל, און ווען ער האט נאר געקוקט האט ער געזען בלויז ווי ער עסט און עסט... דורכאויס דעם גאנצן שבת האט דער בעל הבית בלויז געגעסן אן קיין שיעור פון די שבת'דיגע מאכלים, און ער האט נישט אויפגעהערט צו עסן!

ווען עס איז אנגעקומען דער צייט פון 'שלש סעודות', האט זיך דער גאסט דערוואגט אריינצוגיין אינעווייניג אין הויז, און פאלנדיג צו די פיס פונעם בעל הבית, האט ער זיך גענומען וויינען און בעטן אז ער זאל אים בענטשן צו געהאלפן ווערן מיט קינדער. אין אנהייב האט זיך דער בעל הבית פאר'עקש'נט און ערקלערט אז ער טיילט נישט קיין ברכות, אבער ווען דער איד האט זיך ווייטער געבעטן און גע'טענה'ט "וואס שטערט אייך צו בענטשן"? האט דער בעל הבית, וועלכער איז נישט געווען קיין אנדערער ווי איינס פון די זעקס און דרייסיג באהאלטענע צדיקים אינעם דור, געגעבן א זאג:

גוט, איך בין מסכים, איך וועל דיר געבן מיין ברכה, און דער אויבערשטער וועט דיר געבן א בן זכר! אבער נאר מיטן תנאי אז דו זאלסט אים געבן א נאמען פונקט אזוי ווי מיר: **"שווארצער וואלף"!**

און ווירקליך, צום יאר איז דער איד געבענטשן געווארן מיט א לעבטיג קינד, א בן זכר, און מען האט אים גערופן "א שווארצער וואלף", און ער איז געווען זייער א געלונגענער קינד, און איז אויסגעוואקסן אלץ איינער פון די גדולי הרבנים אין זיין דור.

**ווען ער איז צוריקגעקומען מיט די גוטע בשורה צו זיין רבי'ן, האט אים זיין רבי געגעבן צו פארשטיין, אז אט דער צדיק נסתר פלעגט זיך טאקע שטענדיג עקש'נען אז ער וויל נישט געבן קיין ברכות, אבער מיטן כח פונעם שבת קודש, און איבערהויפט אינדערצייט פון שלש סעודות וועלכער איז א געוואלדיגער עת רצון, אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש (חלק ב', פח:) "וְרַעֲוָא דְרַעֲוִין אִשְׁתְּכַח" וועגן די צייט פון שלש סעודות, האט ער זוכה געווען געהאלפן צו ווערן בְּדְבַר יְשׁוּעָה וְרַחֲמִים, און אזוי זאלן אויך אלע אידן געהאלפן ווערן מיט אלעס וואס מען דארף, אמן כן יהי רצון.** אין די **גמרא** (עירובין נה.) ווערט געברענגט: **רָבָא** אָמַר, 'לֹא בַשָּׁמַיִם הִיא' - לֹא תִּמָּצֵא בְּמִי שֶׁמַּגְבִּיהַּ דַּעְתּוֹ עָלֶיהָ כַּשָּׁמַיִם. **רַבִּי יוֹחָנָן** אָמַר, 'לֹא בַשָּׁמַיִם הִיא' - לֹא תִּמָּצֵא בְּגַסֵּי רוּחַ".

פון דא לערנען מיר ארויס א גרויסן יסוד, אז די תורה הקדושה ווערט נאר איבערגעגעבן אלץ נחלה פאר די וואס האלטן זיך קליין, און זיי האלטן זיך שטאלץ ביזן הימל, נאר זיי האלטן זיך אזוי ווי גארנישט. און ביי דער בעל גאוה קען די תורה נישט רוען, און אפילו דאס וואס ער האט שוין געלערנט איז "חָכְמָתוֹ מִסְתַּלֶּקֶת מִמֶּנּוּ", גייט זיין חכמה אוועק פון אים.

א וואונדערליכער ערקלערונג שרייבט דער הייליגער **חיד"א זצוק"ל** שרייבט אין זיין ספר **'חומת אנך'** (ויקרא ו, ב), פארוואס די תורה רוט נישט ביי א בעל גאוה. וְזֶה לְשׁוֹן קָדְשׁוֹ: "הַאי מַאן דְּיָהִיר, חָכְמָתוֹ מִסְתַּלֶּקֶת מִמֶּנּוּ. בְּדֶרֶךְ דְּרָשׁ וּמוּסָר אֶפְשָׁר לוֹמַר טַעַם לָזֶה, דְּעַל יְדֵי הַגַּאֲוָה נַעֲשָׂה גּוּפוֹ כְּלִי מְשֻׁקָּץ וּמְסְרָח. כמ"ש **בָּאֲגָדָה, דְּאֵלִיָּהוּ זָכוּר לַטּוֹב** אָמַר **לְרַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי**, דְּאָדָם שֶׁיֵּשׁ לוֹ גַּאֲוָה הוּא סֶרַ"ח הָעוֹדֵף מִנְּבֵלָה מֻסְרַחַת. וְאִם כֵּן הַתּוֹרָה צְרִיכָה לִהְיוֹת בְּמָקוֹם נָקִי וְטָהוֹר, וְקַיְימָא לָן דְּבִמְבוֹאוֹת הַמְּטֻנָּפוֹת אָסוּר לְהַרְהֵר בְּדִבְרֵי תוֹרָה. וְלָכֵן מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ גַּאֲוָה שֶׁהוּא מֻסְרָח יוֹתֵר מִנְּבֵלָה - חָכְמָתוֹ מִסְתַּלֶּקֶת מִמֶּנּוּ, דְּהַתּוֹרָה צְרִיכָה מָקוֹם נָקִי וְטָהוֹר. וְזֶה רֶמֶז: 'זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה', פֵּרוּשׁ תּוֹרָה עִם גַּאֲוָה, כְּלוֹמַר הֶחָכָם שֶׁעוֹסֵק בַּתּוֹרָה וְיֵשׁ לוֹ גַּאֲוָה, אָז - 'הִיא הָעוֹלָה', הִיא הַתּוֹרָה עוֹלָה וּמִסְתַּלֶּקֶת מִמֶּנּוּ, וְהוּא נִשְׁאַר בְּגַאֲוָתוֹ", עד כאן לשון קדשו.

***

שטייענדיג ביי **שבת סליחות**, אין צוגרייטונג צו די הייליגע טעג הבאים עלינו לטובה, לאמיר זיך גוט נאכקוקן און מתקן זיין אלע פעלערן אין די ענינים פון מידות צום גוטן, און מבטל זיין די גאוה און די שטאלץ, און שטארק פארררעכטן די עִנְיָנִים שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ.

**דער שטייגער פון די וועלט איז, אז אין אט די געהויבענע טעג, איז צוזאמען מיט די וואונטש וואס מען וואונטשט זיך איינער דעם אנדערן אז מען זאל זוכה זיין צו א גוט געבענטשט יאר, טוט מען זיך אויך איבערבעטן און זיך מוחל זיין פון טיפן הארצן. - און מיטן כח פון אחדות וואס איז דא אין כלל ישראל קען מען זיך שטעלן צום משפט צום גוטן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם - כֻּלְּכֶם", מיטן כח פון אחדות וואס דאס איז דער 'כֻּלְּכֶם', אלע צוזאמען, כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד, צו א כתיבה וחתימה טובה, אמן.**

***

צום **הייליגן צאנזער רב בעל דברי חיים זצוק"ל** איז אמאל אריינגעגאנגען א איד און זיין פארלאנג איז געווען אזוי - וויבאלד ער האלט יעצט ביים חתונה מאכן זיין טאכטער צו א חשוב'ער חתן, וועלכער איז א חסיד, דארף ער אים קויפן א שטריימל און א טלית מיט א מכובד'יגע עטרה, אזוי ווי דער מנהג פון די חסידים אז דער שווער קויפט פארן חתן דער שטריימל און די טלית.

אין די זעלבע צייט איז געשטאנען נעבן דער רבי, זיין זון **דער הייליגער שינעווער רב רבי יחזקאל שרגא זצוק"ל**, וועלכער האט דעמאלטס געדינט אלץ **'רב הצעיר'** אין צאנז, און ווען ער האט געהערט ווי די ווערטער פון דער איד, האט ער אים גענומען אנשרייען:

וויאזוי וואגסטו דיך צו רעדן ליגנט דא, אין פארנט פון מיין הייליגער טאטע? איך האב דאך אליין געזען מיט מיינע אייגענע אויגן ווי דו קויפסט אליין דעם שטריימל ביים סוחר! וויאזוי שעמסטו דיך נישט פון דיר אליין!

דער מענטש איז געווארן אנגעפילט מיט בושה ביז אלע ברעגן, זיין געזיכט האט געטוישט קאלירן אז מען האט אים געכאפט ביי די מעשה. זיין פנים האט זיך געטוישט פון רויט צו ווייס און צוריק, און פון גרויס שטוינונג איז ער נישט געווען אימשטאנד צו עפענען זיין מויל, ביז ער האט אויפגעהויבן זיינע פיס און איז אנטלאפן פון דארט מיט גרויס שרעק.

גלייך האט דער הייליגער צאנזער רב געשריגן אויף זיין זון: **חאצקעלע**! וואס האסטו געטון? דו האסט דאך פארשעמט דעם איד! לויף אים שנעל נאך, זיי אים מפייס, און בעט אים מחילה!

איז דער שינעווער רב ארויסגעגאנגען און האט אנגעהויבן נאכלויפן דעם מענטש, ביז ער האט אים ענדליך דעריאגט ביים טויער פון די שטאט, און ער האט אים שטארק געבעטן אז ער זאל אים מוחל זיין דערפאר וואס ער האט אים אזוי שטארק מבייש געווען, אבער דער מענטש האט אים בשום אופן נישט געוואלט מוחל זיין. נאר נאך לענגערע הפצרות און תחנונים האט ער קוים מסכים געווען צו צוריקקומען מיט אים צו זיין הייליגער טאטע, כדי ער זאל זיי זאגן וואס זיי האבן צו טון.

אזוי האט זיך דער איד נאכגעשלעפט נאך דער שינאווער רב וועלכער האט נישט אויפגעגעבן פון אים, ביז ער איז צוריקגעקומען מיט אים פאר זיין הייליגער טאטע.

ווען דער הייליגער צאנזער רב האט געזען דער איד ווי ער שטייט פאר אים, האט ער אים זייער שטארק מקרב געווען, און מיט א שמייכל אויף זיין הייליגע געזיכט, האט ער געזאגט צו אים: הער אויס מיין עצה! דו זאלסט נישט מוחל זיין מיין זון, ביז ער וועט דיר באצאלן די גאנצע געלט וואס דו האסט באצאלט פארן שטריימל און די טלית וואס דו האסט געקויפט! אויך זאלסטו צוגעבן צום חשבון, אלע קליידער וואס דו דארפסט האבן פאר דיין טאכטער די כלה שתחי', און אויך אלע קליידער פאר די משפחה לכבוד די חתונה!

דא האט דער שינעווער רב געפרעגט דעם איד: זאג נאר, וויפיל וועט דאס אלעס קאסטן אינאיינעם? זאג נאר די סומע, און איך וועל דיר עס געבן!

אזויפיל און אזויפיל רובל! - האט דער איד אנגעכאפט א צאל, ערקלערנדיג אז דאס איז דער חשבון וויפיל די אלע טייערע קליידער האבן געקאסט. דער שינעווער רב האט גלייך ארויסגענומען די גאנצע סומע אין קעש, און ער האט עס איבערגעגעבן פארן מענטש מיט גרויס שמחה, און ער האט אים נישט געלאזט אוועקגיין ביז ער האט אים געזאגט **בְּפֶה מָלֵא** אז ער איז אים מוחל!

***

די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!